# די לעבעדיגע אויפן טויט־בעטל

— ש. ארזי —

ערצעהלונג

דער מארגן שטערן איז נאר וואס אויפגע־גאנגען, אויף די גאס שפרייזט דער צדיק ר׳ שמעלקע אין באגלייטונג פון זיין גבאי צום ריכטונג פון אויסערן שטאט.

די איינוואוינער פון ניקלשבורג זענען נאך פארזונקען אין זיסן פרי־מארגן שלאף, נאך דעם פריילאכן אוונט אין וועלכן זיי האבן זוכה געווען צו אויפנעמען דעם הייליגן רבי׳ן ר׳ שמעלקע אלס שטאט רב. דער פייערליכער קבלת פנים, די טיפזיניגע תורה און די פילע ברכות מיט וועלכע דער צדיק האט יעדן גע־בענטשט — האט זיי דערהויבן גאר הויך, יעדער האט זיך געלייגט שלאפן מיט לויב ווערטער צום גרויסן באשעפער, וואס האט זיי צוגעשיקט אזא טייערן רב וואס וועט זיי שיצן און פירן אין שיין פון די ליכטיגע תורה וועגן.

נאר דער רבי ר׳ שמעלקע האט א גאנצע נאכט קיין אויג נישט צוגעמאכט, ביי א לעמפל אין זיין צימער איז ער געזעסן און עוסק געווען אין זיין הייליגע עבודה. ווי עס איז נאר טאג געווארן — עס איז נאך שווער געווען צו אונטערשיידן בין ״תכלת לכרתי״ (צווישן גרין מיט הימל־בלוי) — האט ער זיך געלאזט שפאצירן אויסערן שטאט. אזוי גייענ[illegible]קומט אן די שטאט־קצב׳טע מיט פיל־געשאכטענע גענז גרייט צו ברענגען אין געשעפט וואו זי וועט עס פארקויפן פאר די שטאט איינוואוינער.

דער הייליגער רבי האט בלויז א בליק געטאן אויף די גענז, און זיין קערפער האט גענומען ציטערן. ער שיקט שנעל דעם גבאי איהר פרעגן וועלכער שוחט עס האט די גענז געשאכטן... די קצב׳טע אויפן ארט האט גע־ענטפערט, אז די גענז זענען געשאכטן געווארן דורך ר׳ שמואל דער שטאט שוחט.

מיטן גבאי איז דער רבי אליין געגאנגען אין וואוינונג פון ר׳ שמואל — אבער אלע שטוב לייט זענען נאך געשלאפן. דער רבי האט א ביסל צוגעווארט, און ווען ר׳ שמואל האט ערוואכט און דערזעהן אין דרויסן שטיין דעם הייליגן רבי׳ן — האט איהם א ציטער און שרעק ארום־גענומען: וואס איז דער רבי אזוי פרי צו מיר געקומען?

אויפן רבי׳נס פראגע: צו ער האט די גענז פון שטאט־קצבט׳ע גע׳שחט׳ן, האט ער פאר־וואונדערט געענטפערט, אז ער איז נאר וואס פון שלאף אויפגעשטאנען און ער ווייסט צומאל נישט וואס צו זאגן...

דער רבי איז מיטן גבאי געגאנגען צו די קצב׳טע און איהר געבעטן זי זאל זאגן דעם ריינעם אמת ווער־האט געשאכטן די גענז. מיט פיל מוט האט זי געענטפערט, אז זי האט זיך פשוט פארטומלט, נישט ר׳ שמואל דער שוחט האט געשאכטן נאר ר׳ שמעון דער שוחט וועלכער וואוינט אין די און די גאס... ענדע האט זיך ארויס געוויזן אן קיין שום ספק, דאס קיין שוחט האט די גענז נישט געשאכטן!

דער הייליגער רבי ר׳ שמעלקע האט געשיקט רופן די קצב׳טע און צו איהר א

# כדת של תורה

**געשריי געגעבן: מרשעת! זיי זיך מודה וואס האסטו מיט די גענז געטאן?**

זי האט אנגעפאנגען צו ציטערן און מיט גרויס געוויין האט זי מודה געווען, אז צוואנציג יאהר האט זי די גענז נישט געשאכטן, נאר אלע פרי־מארגן האט זי אויסערן שטאט די גענז דערשטיקט בכדי זיך צו איינשפארן די שחיטה־געלד...

ווי נאר דער עולם האט דאס דערהערט, איז געווארן א שרעקליכער טומל און פאניק, די קצב'טע האט געמאכט א אנשטעל אלס פרומע פרוי און אלע חשוב'ע באלעבאסטעס האבן ביי איהר די פלייש געקויפט, וואס וועט יעצט זיין? צוואנציג יאהר געגעסן נבילות וטריפות, דעם קערפער פאר־אומרייניגט און אלע כלים טרייף געמאכט!

דער רבי האט ארויסגעגעבן א תיקון פאר אלע וואס האבן אום־וויסנדיג די פלייש געגעסן, און זיי געוויזן ווי זיך צו פירן מיט די כלים, וועלכע מען קען כשר'ן און וועלכע מען מוז צוברעכן.

יעדער איז אהיים געגאנגען אויספירן דעם תיקון, און צו די מרשעת האט דער רבי צו וויסן געגעבן, אז אויב זי וויל א כפרה אויף איהרע זינד, און אויף די זינד וועלכע זי האט מכשיל געווען דעם ציבור — דארף מען איהר לייגן אויף א טויטן בעטל, אנגעטאן אין ווייסן, און איהר פירן אזוי ווי א בר־מינן אויף דעם בית עולם...

זי האט אנגעפאנגען ביטערליך צו וויינען, זי וויל נישט מען זאל איהר באגראבן לעבעדיגערהייט... דער רבי האט איהר אבער ערקלערט, אז אויב זי וויל נישט ליידן אויף יענער וועלט פאר איהרע שווערע זינד, מוז זי פונקטליך אויספירן אלס וואס ער האט איהר געזאגט.

א אידיש קינד איז זי פארט געווען און האט אנגענומען דעם שווערן פסק. עס האט נישט געדויערט קיין צייט און דער אינטערעסאנטער פסק־דין איז באוואוסט געווארן אינם גאנצן געגנט. פון אלע ארומיגע שטעט זענען זיך פיל מענטשן צוזאמען געקומען אויף די לוויה אין ניקלשבורג, צו ביי זעהן ווי מען גייט טראגן א לעבעדיגן מענטש אויף א טויט־בעטל...

חברה־קדישא האט די קצב'טע פארדעקט מיט תכריכים, איהר ארויף געלייגט אויפן בעטל און געפירט צום בית עולם, ווען קינד און קייט באטייליגן זיך און באגלייטן די לעבעדיגע לוויה. פון מינוט צו מינוט זענען די גאסן געווארן פילער און שווארצער פון צוגעקומענע מענטשן — אלטע, יונגע און קינדער, ווער ווייסט פון וועלכע שטאט, זענען געקומען צו פארן, האבן די זכי' צו צוזעהן אזא אויסנאמקייט.

קומענדיג אויפן בית עולם האט דער רבי ר' שמעלקע זיך אנגעשפארט אויף זיין שטעקן, איינגע מינוט האט עס אזוי געדויערט און זיין געשטאלט האט געפלאמט ווי א שטיק פייער, דער עולם האט זיך געשראקן צו שטיין נאנט און פון ווייטן געבליקט וואס וועט אט דא ווייטער געשעהן.

פלוצלונג זענען געקומען צו פליהען מאסן גענז וועלכע האבן זיך געשטעלט אויף דעם טויטן בעטל וואו די לעבעדיגע קצב'טע איז געלעגן. די גענז האבן גענומען פיקען פון איהר שטיקער פלייש, און ביז עטליכע מינוט איז פון איהר געבליבן בלויז א זעקל ביינער.

דער רבי האט געהייסן די חברה־לייט איהר באגראבן אויפן ארט. מען קען זיך פארשטעלן, ווי צושווידערט דער עולם איז געבליבן זעהענדיג די שרעקליכע פאזע: מען האט נישט געדארפט קיינע דרשות און עס האט נישט אויסגעפעלט די דברי־תוכחה, וועלכע זאל אלעמענס הערצער צוברעכן אויף שטיקלאך... טייכן טרערן האבן אויף דעם בית־עולם זיך געגאסן ווי אין ים־אריין און מענטשן האבן זיך שעה'ען לאנג נישט גערירט פון ארט. מען האט עס געזעהן בחוש, אז יעדע שלעכטע פעולה ווערט אפגעצאלט! און דערפון געלערנט די "מדה טובה מרובה" — וויפיל לוין און שכר וועט געגעבן ווערן פאר די וועלכע טוען גוטס און זענען מקיים תורה ומצוות וואס דער בורא כל העולמים האט אונז בעפוילן.